בס"ד

געקליבענע געדאנקען אויף די פרשה

פרשת לך לך
תשפ"ה
גליון קי"ז
שנה ד'

# פון פלאָצקער גאון

הגאון רבי ארי' לייב צינץ זי"ע

## אויף אידיש

### דער אויבערשטער איז מודיע פאר אברהם אבינו אז זיין שורש נשמה איז אין ארץ ישראל און ער איז מצווה אויף קידוש ה' ווי א ישראל גמור

**ויאמר ה' אל אברם לך לך...** (יב, א)

דער זוהר הקדוש (ח"א עח.) זאגט, אז "**לך לְךָ**" מיינט "**לשורשך**", אז אברהם אבינו זאל גיין קיין ארץ ישראל וואס דארט איז זיין שורש נשמה. אזוי שטייט אויך אין אלשיך הק', אז השי"ת האט געזאגט פאר אברהם אבינו "דיין שורש נשמה איז אין ארץ ישראל, גיי צו דיר אליין - צו דיין שורש נשמה".

לכאורה, פארוואס האט פונקט יעצט דער אויבערשטער מגלה געווען פאר אברהם אבינו אז זיין שורש נשמה איז אין ארץ ישראל?

נאר עס ווערט געברענגט אין פרשת דרכים (דרוש השני בפרשתן), אז ווען אברהם אבינו האט זיך מוסר נפש געווען אריינצושפרינגען אין פייער אין אור כשדים נישט כופר צו זיין אינעם אויבערשטן איז נישט זיכער אז ער האט ריכטיג געטון. ווייל די גמרא אין סנהדרין (עד:) איז דן צו א בן נח איז מצווה אויף קידוש ה' אדער נישט, און די ראשונים (תוס' שם והרמב"ם ז"ל פ"י מהל' מלכים ה"ב) נעמען אן אז א בן נח איז נישט מצווה זיך מוסר נפש צו זיין אויף קידוש ה'.

יעצט די ראשונים זענען דן ביז ווען עס האט אנגעהאלטן דער דין "בן נח". שיטת בעלי התוספות איז, אז ביז ווילאנג די אידן זענען נישט אנגעקומען צום בארג סיני זענען זיי נישט ארויס מכלל בן נח, נאר הערשט נאך קבלת התורה האבן זיי באקומען א דין ווי א ישראל גמור. לעומת זה האלט דער רמב"ן, אז פון ווען דער אויבערשטער האט בוחר געווען אין אברהם אבינו האט ער באקומען א דין ווי א ישראל גמור.

איז אויב אברהם אבינו האט געהאט א דין ווי א "בן נח", איז ער דאך נישט געווען מצווה אויף מסירות נפש על קידוש ה', און אודאי איז ער נישט געווען ראוי אז דער אויבערשטער זאל אים מאכן א נס אז ער זאל ניצול ווערן. און יעצט אז דער אויבערשטער האט אים יא געמאכט א נס אז ער איז ניצול געווארן נעמט עס אראפ פון זיינע זכותים.

משא"כ אויב ער האט געהאט א דין ווי א "ישראל גמור", איז ער דאך יא מצווה אויף קידוש ה' און ער האט ריכטיג געטון אז ער איז אריינגעשפרינגען אינעם פייער, ממילא ער איז געווען ראוי צו דעם נס געראטעוועט צו ווערן און דאס נעמט גארנישט אראפ פון זיינע זכותים.

אויב אזוי קען מען זאגן, אז וועגן דעם האט אים דער אויבערשטער מודיע געווען "**לך לך**" - גיי צו **דיין שורש נשמה** - וואס איז אין ארץ ישראל, צו לאזן הערן פאר אברהם אז ער האט שוין א דין ווי א ישראל גמור, והא ראיה, ווייל זיין שורש נשמה איז פון ארץ ישראל וואס איז געאייגענט פאר די אידן. ממילא האט ער ריכטיג געטון מיט'ן זיך מוסר נפש זיין ווייל א ישראל איז דאך מצווה אויף קידוש ה', און אויב אזוי האט דער נס גארנישט פארמינערט פון זיינע זכותים ווייל ער איז געווען ראוי אז דער אויבערשטער זאל אים מאכן א נס.

### פרעה האט פארגעהאלטן אברהם אז ער האט נישט געדארפט חושש זיין אז איינער חוץ אים וועט בכלל גלוסטן צו נעמען שרה

**ויקרא פרעה לאברם ויאמר מה זאת עשית לי למה לא הגדת לי כי אשתך היא. למה אמרת אחותי היא ואקח אותה לי לאשה ועתה הנה אשתך קח ולך.** (יב, יח-יט)

מ'זעט אז פרעה האט דא עטליכע מאל איבערגעזאגט "**לי**"; מה זאת עשית "**לי**", למה לא הגדת "**לי**", ואקח אותה "**לי**" לאשה. דארף מען פארשטיין, פארוואס האט ער אזוי מדגיש געווען "**לי**"? פארוואס האט ער נישט געקענט זאגן בלויז: "מה זאת עשית, למה לא הגדת כי אשתך היא, ואקח אותה לאשה"?

נאר עס איז באוואוסט די קשיא וואס דער אבן עזרא פרעגט אויפן לאו פון "לא תחמוד" (שמות כ, יד), אז לכאורה איז דאך די טבע פון מענטשן צו גלוסטן, וויאזוי קומט די תורה מזהיר זיין אז א מענטש זאל טון קעגן זיין טבע און נישט גלוסטן? ענטפערט דער אבן עזרא, אז פונקט ווי א פויער וועט זיך נישט חלומ'ען צו גלוסטן דעם קעניג'ס טאכטער ווייל עס איז ביי אים אזוי קלאר אז דאס איז נישט פאסיג פאר אים, די זעלבע קומט די תורה זאגן, זאל זיך א מענטש אזוי איינבאקן ביי זיך אין הארץ אז ער שאפט זיך גארנישט אליין נאר וואס דער אויבערשטער באשערט אים, ביז יענעמ'ס א זאך וועט אים אויסקוקן אזוי רחוק מן המציאות אז ער וועט דאס ניטאמאל גלוסטן.

יעצט ווען אברהם און שרה זענען אנגעקומען קיין מצרים שטייט (פסוק טו) "**ויהללו אותה אל פרעה**", זאגט רש"י, אז אלע מיניסטארן האבן איר געלויבט צווישן זיך אז זי פאסט פאר'ן קעניג. אויב אזוי איז פרעה יעצט געקומען צו אברהם מיט א שטארקע טענה: פארוואס האסטו בכלל מורא געהאט אז מ'וועט דיר הרג'ענען כדי צו נעמען דיין ווייב? ממה נפשך, אויף יעדעם חוץ פון מיר האסטו דאך נישט געהאט וואס חושש צו זיין, ווייל אויב אלע האבן מסכים געווען פה אחד אז זי פאסט נאר פאר'ן קעניג וועט דאך קיינער איר זיכער נישט גלוסטן צו נעמען, ווייל דאס איז דאך אזוי רחוק מן המציאות, אזוי אויך וועט קיינער דיר נישט הרג'ענען כדי צו ברענגען דיין ווייב צו מיר, ווייל "אין אדם חוטא ולא לו" וואס פארדינט ער פון דעם?

אלא מאי אויף מיר פרעה - האסטו דאך אויך נישט געהאט וואס מורא צו האבן, ווייל איך בין דאך דער מלך און עס פאסט נישט פאר'ן שופט הארץ צו טון קעגן דעם מענטשליכן געזעץ צו

# די הייליגע צוואה

ומי שישתדל בהדפסתן
יהי' לו המחבר למליץ
אם יהי' לו זכות




## איר קענט שיקן קוויטלעך צום ציון הק' להפקד בדבר ישועה ורחמים

פאראינטערעסירטע ביטע פארבינדט אייך צום מערכת

הגליון נתנדב ע"י

הרבני הנכבד
הר"ר **יחיאל** ברד"ל **גוטמאן** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

זכות הפצת תורת רבינו זי"ע יעמוד בעדו
שיזכה לגדלה לתורה לחופה ולמעשים טובים

הרג'ענען א מאן כדי צו נעמען זיין ווייב, איז פארוואס האסטו נישט געקענט זאגן אז זי איז דיין ווייב?!

ווען דעם האט פרעה ספעציעל באטאנט; **מה זאת עשית "לי"** אז דו האסט דאס געטון **קעגן מיר!** ווייל קיינער חוץ מיר איז דאך נישט געווען חשוד צו נעמען דיין ווייב. איז אויב אזוי; **למה לא הגדת "לי"** פארוואס האסטו **פאר מיר** נישט געזאגט אז זי איז דיין ווייב? אויף מיר - דער קעניג - האסטו דאך נישט געדארפט חושש זיין אז איך גיי טון קעגן דעם געזעץ איר צו נעמען אלס "אשת איש" אדער דיר צו הרג'ענען וועגן איר. איז "**למה אמרת אחותי היא**" וואס האט דיר אויסגעפעלט צו זאגן אז זי איז דיין שוועסטער, ווען אפילו נאך דו האסט שוין געזאגט אז זי איז דיין שוועסטער און נישט קיין אשת איש; **ואקח אותה "לי"** לאשה איז קיינעם נישט איינגעפאלן איר צו נעמען, נאר איך אליין האב איר גענומען **פאר מיר...**

און מיט דעם פארשטייט מען גוט פארוואס פרעה האט אים געזאגט: "**ועתה הנה אשתך קח ולך**", פארוואס האט אים פרעה פארשיקט? (ועי' רש"י). נאר פרעה האט אים געזאגט; מתחילה איז טאקע קיינעם נישט איינגעפאלן איר צו נעמען ווייל אלע האבן פארשטאנען אז זי פאסט נאר פאר'ן קעניג, ממילא האסטו נישט געדארפט חושש זיין אז זיי וועלן דיר הרג'ענען.

אבער "**ועתה**" - יעצט אז אלע האבן געזען ווי איך האב דיר צוריקגעגעבן שרה, פארשטייט דאך יעדער אז איך וועל איר מער נישט נעמען, ווייל עס פאסט דאך נישט פאר'ן קעניג איר צוריקצונעמען נאכן איר צוריקגעבן פאר איר מאן. און יעדער ווייסט דאך שוין יעצט אז זי איז דיין ווייב און נישט דיין שוועסטער, אויב אזוי ווערט **יעצט** נתעורר א חשש אז היות זי איז שוין נישט פאסיג מער פאר'ן קעניג וועלן זיי דיר הרג'ענען כדי איר צו נעמען, ממילא "**הנה אשתך קח ולך**" מוזטו תיכף אפטראגן פון מצרים.

## לויט די השגות פון אברהם אבינו אין ארץ ישראל איז די תביעה אויף לוט געווארן סאך שטערקער

**וה' אמר אל אברם אחרי הפרד לוט מעמו. (יג, יד)**

זאגט רש"י, אז ווילאנג דער רשע איז געווען מיט אים האט ער נישט באקומען קיין נבואה פונעם אויבערשטן, נאר הערשט "**אחרי הפרד לוט מעמו**" האט אברהם באקומען א נבואה. לייגט רש"י צו, אז אנפאנג פרשה שטייט דאך "**וַיֵּרָא ה' אל אברם**" און לוט איז דאך דעמאלטס געווען מיט אים? ענטפערט רש"י, "באותה שעה כשר היה", דעמאלטס איז לוט נאך געווען ערליך.

דארף מען לכאורה פארשטיין, וואס איז טאקע געשען אנקומענדיג קיין ארץ כנען אז מיטאמאל איז לוט געווארן א רשע?!

נאר באמת טרעפן מיר אז צו זיין נאנט צו א צדיק איז א געוואלדיגע טובה, ווייל זיין זכות איז מגין אויף זיין גאנצן סביבה. מאידך גיסא טרעפן מיר אבער, אז ווער עס געפונט זיך נעבן א צדיק איז דאס מעורר א תביעה אויף אים, אז אויב ער געפונט זיך אין אזא הייליגע סביבה פארוואס זענען זיינע מעשים נישט ווי עס דארף צו זיין. איז לכאורה וואס איז דער אמת, לוינט זיך צו זיין בסביבת הצדיק צו נישט?!

נאר דער חילוק איז, אז א גרויסער צדיק וואס זיין זכות איז אזוי גרויס אז ער קען משפיע זיין אויף זיין סביבה זיך צו פארבעסערן זייערע מעשים, לוינט זיך טאקע נישט צו זיין נעבן אים, ווייל דאס איז באמת מעורר א שטארקע טענה אויף די מענטשן ארום פארוואס זיי פארבעסערן זיך נישט זייענדיג נעבן אזא גרויסן צדיק.

משא"כ א צדיק וואס איז נישט אזוי גרויס אז ער זאל קענען משפיע זיין אויף זיין גאנצע סביבה זיך צו פארבעסערן, נאר אזויפיל האט ער א זכות מגין צו זיין אויף זיין סביבה מפני הפורענות, נעבן אים איז יא כדאי צו וואוינען, ווייל אפילו זיי פירן זיך נישט אויף אינגאנצן ווי עס דארף צו זיין איז דאס נישט מעורר אזא טענה, און מצד שני העלפט יא זיין זכות מגין צו זיין פון פורענות.

אויב אזוי קען מען זאגן, אז לוט איז לכתחילה אויך נישט געווען קיין גרויסער צדיק, נאר דער חילוק איז געווען אין אברהם אבינו. אז איידער אברהם איז געגאנגען קיין ארץ ישראל איז ער נישט געווען אין אזא הויכע מדריגה ווי אין ארץ ישראל צו קענען משפיע זיין אויף לוט אזויפיל קדושה, ממילא האט ער נישט מעורר געווען אזא תביעה אויף לוט'ס מעשים, און עס האט נאך געקענט הייסן "באותה שעה כשר היה" ווייל מ'האט נישט אזוי מדקדק געווען אויף זיינע מעשים.

אבער ווי נאר אברהם אבינו איז אנגעקומען צו ארץ ישראל, וואס חז"ל זאגן דאך (כתובות עה.) אז אין ארץ ישראל **טאפלען זיך די השגות**, איז מיטאמאל אברהם אבינו נתעלה געווארן צו סאך א העכערע מדריגה, און ממילא איז געווארן א שטארקע תביעה אויף לוט; היתכן אז נעבן אזא גרויסן צדיק קוקסטו נאך אזוי אויס?! איז הגם לוט איז נישט ערגער געווארן ווי פריער, איז אבער נתעורר געווארן יעצט א שטארקע טענה פארוואס ער איז נישט בעסער געווארן, ווייל צו זיין במחיצתו של אברהם **אין ארץ ישראל** וואלט געדארפט האבן אויף אים אסאך א גרעסערע השפעה לטובה.